*Day 5, Wednesday, 15 Adar - Shushan Purim*

# A Challenging Class and a Teacher's Mission

*Igros Kodesh vol. 12, pg 84-85* אגרות קודש חלק יב, ע' 84-85
**3,894** **ג'תתצד**

*Baruch Hashem*
*22 MarCheshvan 5716 [1955]*
Brooklyn.

ב"ה, כ"ב מַר-חֶשְׁוָן, תשט"ז
בְּרוּקְלִין.

*Berachah v'shalom!*

בְּרָכָה וְשָׁלוֹם!

In response to your letter from the 14th of *Cheshvan*, in which you write that this year you do not feel as interested as last year in teaching the students of your class, since they do not have the same abilities to grasp the learning as the previous class—

אִין עֶנְטְפֶער אוֹיף דַיין בְּרִיף פוּן י"ד חֶשְׁוָן, אִין וֶועלְכֶען דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דֶעם יאָר אִינְטֶערְסִירְסְט זִיך נִיט אַזוֹי ווִי פאָרִיגֶען יאָר אִין דֶעם לֶערְנֶען מִיט דִי תַּלְמִידוֹת פוּן דֶער כִּתָּה, צוּלִיב דֶעם וָוואָס זֵיי הָאבֶּען נִיט אַזֶעלְכֶע פֶעהִיגְקַייטֶען צוּ אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם לֶערְנֶען אַזוֹי ווִי דִי פְרִיעֶרְדִיקֶע כִּתָּה.

It is, in fact, quite understandable that on the contrary, this very situation should awaken in you an even greater enthusiasm and a stronger-than-usual desire to raise these students to their proper level. For this is, after all, the essence of a person's purpose: to refine and elevate their portion in the world, in accordance with the particular talents that *Hashem*

וְהִנֵּה, עֶס אִיז פאַרְשְׁטֶענְדְלִיך אַז אַדְּרַבָּה, דֶער עִנְיָן דאַרְף צוּגֶעבֶּען נאָך מֶער חֵשֶׁק אוּן מֶער ווִי גֶעוֶוייִנְלִיכֶען אִינְטֶערֶעס צוּ אַוֶועקְשְׁטֶעלֶען דִי תַּלְמִידוֹת אוֹיף דֶער גֶעהֶערִיקֶער הוֹיך, כִּי הֲרֵי זֶה כָּל הָאָדָם לְתַקֵּן חֶלְקוֹ בָּעוֹלָם, אִין אַיינְקְלאַנְג מִיט זַיינֶע כִּשְׁרוֹנוֹת וֶועלְכֶע הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ הָאט אִים

has granted them.

Especially when one has been blessed with a gift for *chinuch* (education) and influence upon youth, this is the very purpose of one's creation: to increase light in the world through spreading "the lamp of mitzvah and the light of Torah."

And *lefum tza'ara agra* — "according to the effort is the reward." Indeed, it is precisely such students, whose talents are less developed, who represent the most "beautiful portion" and opportunity through which one fulfills the will of the Creator.

The attribute of the Holy One, blessed be He, is *middah k'neged middah*—measure for measure — yet multiplied many times over: when a person fulfills the will of *Hashem*, even though the *yetzer hara* attempts to persuade them that it is difficult, *Hashem* in turn fulfills the person's own good-hearted desires.

גֶעשׁאָנְקֶען, בִּפְרַט אַ כִּשְׁרוֹן אִין חִינּוּךְ און הַשְׁפָּעָה אויף יוּגֶענְט, אִיז דאָס דאָךְ דֶער תַּכְלִית פוּן זַיין בַּאַשׁאַפוּנְג צוּ מֶערֶען לִיכְטִיגְקֵייט אִין וֶועלְט דורְךְ פאַרשְׁפְּרֵייטֶען נֵר מִצְוָה תּוֹרָה אוֹר, וּלְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא, אַז דַוְקָא אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידוֹת וואָס זֵייעֶרֶע כִּשְׁרוֹנוֹת זַיינֶען נִיט אַזוֹי עֶנְטְוִויקֶעלְט, זַיינֶען זֵיי דֶער חֵלֶק הַיָּפֶה צוּ עֶרְפִילֶען מִיט זֵיי דֶעם רָצוֹן הַבּוֹרֵא וּמִדָּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה אֶלָּא שֶׁכַּמָּה פְּעָמִים כָּכָה, אַז וֶוען מֶען עֶרְפִילְט דֶעם רָצוֹן פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, חאָטְשׁ דֶער יֵצֶר הָרַע פְּרוּבִּירְט אַיינְרֵיידִין אַז דאָס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, אִיז דֶענְסְטְמאָל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא טוּט דֶעם רָצוֹן הָאָדָם צוּ עֶרְפִילֶען זַיינֶע גוּטֶע הארְץ פאַרלאַנְגֶען.

May it be *Hashem's* will that with renewed strength and vitality, you invest yourself in improving the situation of your class, that they may advance step by step and level by level; and may you see good fruits from your labor.

One *mitzvah* leads to another — until you will soon be able to report that your students are truly excelling, and that *Hashem* has granted you to find your good *zivug* (match) — good both materially and

וִיהִי רָצוֹן אַז מִיט אַ צוּגאָב כֹּחַ און לֶעבֶּעדִיקַייט זאָלְסְט דוּ זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירֶען אִין דֶער פאַרְבֶּעסֶערוּנְג פוּן דֶעם מַצָּב הַכִּתָּה און זִי זאָל שְׁטַייגֶען מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא און זאָלְסְט זֶעהן פְּרִי טוֹב אִין דַיין אַרְבֶּעט, וּמִצְוָה גוֹרֶרֶת מִצְוָה אַז דוּ זאָלְסְט קֶענֶען אָנְזאָגֶען בְּקָרוֹב אַז דִי תַּלְמִידוֹת זַיינֶען עוֹשׂוֹת חַיִל, און אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ האָט דִיר גֶעמאַכְט גֶעפִינֶען דַיין גוּטֶען זִיווּג

פאַר דיר, גוט בְּגַשְׁמִיוּת און גוט בְּרוּחֲנִיוּת גַּם יָחַד.

spiritually, together as one.

בִּבְרָכָה לְבְּשׂוּרוֹת טוֹבוֹת בְּכָבוֹד.

With blessings for *besuros tovos*, and with esteem.